די לעבעדיקע, וואָס בלייבן איבער ביז צום קומען
פון דעם האַר, וועלן בשום אופן נישט פאַרויסגיין
16 די איינגעשלאָפענע; ווייל דער האַר אַליין וועט
אַראָפּנידערן פון הימל, מיט אַ שאַל, מיט דעם קול פון
דעם שר המלאכים, און מיט דעם שופר פון גאָט;
און די טויטע אינם משיח וועלן אויפשטיין קודם כל;
17 דאַן מיר, די לעבעדיקע, וועלכע זענען איבער־
געבליבן, וועלן צוזאַמען מיט זיי אַרויפגעכאַפּט ווערן
אין די וואָלקנס, צו באַגעגענען דעם האַר אין דער
לופט; און אַזוי וועלן מיר תמיד זיין מיט דעם האַר.
18 דערפאַר זאָלט איר טרייסטן איינער דעם אַנדערן
מיט די דאָזיקע ווערטער.

## קאַפּיטל פינף

1 און וואָס שייך די צייטן און זמנים, ברידער,
דאַרפט איר נישט, אַז מען זאָל שרייבן צו אייך.
2 וואָרום איר אַליין ווייסט גאַנץ גענוי, אַז דער טאָג
פון דעם האַר קומט ווי אַ גנב אין דער נאַכט.
3 בשעת מען וועט זאָגן: שלום און שלוה, וועט דעמלט
פּלוצלונג קומען אויף זיי זייער בראָך, ווי ווייען
אויף אַ קימפּעטאָרין, און זיי וועלן בשום אופן
4 נישט אַנטרונען. איר אָבער זענט נישט אין דער
פינסטערניש, אַז דער טאָג זאָל אייך איבעראַשן
5 ווי אַ גנב; וואָרום אַלע זענט איר קינדער פונם
ליכט און קינדער פונם טאָג; מיר זענען נישט פון
דער נאַכט, אויך נישט פונם חושך; דעריבער
6 לאָמיר נישט שלאָפן ווי די אַנדערע, נאָר וואַכן
7 און זיין ניכטער. וואָרום די, וואָס שלאָפן, שלאָפן
בייַנאַכט; און די, וואָס שכורן זיך אָן, שכורן זיך
8 אָן בייַנאַכט. נאָר ווייל מיר זענען פונם טאָג, לאָמיר